# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **בטחון**

וואונדערליכע
'השגחה פרטית'
מעשיות פון
היינטיגע צייטן -
דערציילט אויף
**דער**
**השגחה פרטית**
**האטליין**

פרשת בראשית - כ"ט תשרי תשפ"ז × **עלון 211**


## בהשגחה

## פארוואס טאקע פונקט ביי מיר

קומט זיך א איד צו זיין רבי'ן און וויינט זיך אויס דאס הארץ: "רבי, פארוואס מוטשעט איך זיך אזוי שטארק? מיין שכן האט פרנסה בשפע, מיין ברודער זעט נחת פון זיינע קינדער, מיין חבר מאכט חתונה ווי גארנישט, און נאר מיר גייט אלעס אזוי שווער. פארוואס? פארוואס קומט מיר דאס?"

דער רבי עפנט פאר אים דריי ספרים וואס אלע זאגן דעם זעלבן יסוד: רבנו בחיי על התורה (דברים כ"ב ח'), ספר תורת המנחה פון רבי יעקב סקולי - א תלמיד פונעם רשב"א (פרשת מטות-מסעי, דרשה ס"ד), און ספר חסד לאברהם פון רבי אברהם אזולאי (מעין ד' - נהר י"א).

דער תורת המנחה שרייבט דארט בזה הלשון: "און דו מענטש, עפן דיינע אויגן און זע, און הער זיך צו צום וואונדערליכן סוד: פארדעם וואס א מענטש קומט אראפ אויף דעם עולם, ווייזט מען אים זיין גאנצע לעבן פאראויס. מען ווייזט אים אלע שוועריגקייטן פון איין זייט, און די גוטס וואס די שוועריגקייטן ברענגען פון די אנדערע זייט. מען ווייזט אים די מעלות פון עשירות און די נסיונות וואס קומען דערמיט. די מעלות און חסרונות פון יעדן שטאפל אין לעבן: געזונט, שידוכים, קינדער, און אפילו רוחניות'דיגע נסיונות, כשרונות, משפחה און חברים. אפילו די פיזישע געבוי - הויך אדער נידריג, געזונט אדער פעלערדיג, שוואך אדער שטארק, שיין אדער מיאוס.

און דאס אלעס קומט אויפן מענטש לויט זיין אייגענעם אויסוואל און רצון. יעדער איינער האט געוואלט און מסכים געווען צו די מצבים וואס גייען איבער אויף אים, סיי די גוטע און סיי די שווערע."

רופט זיך אן דער איד צום רבי'ן מיט וואונדער: "אבער רבי, איך האב דעמאלטס נישט געוואוסט אז עס וועט זיין אזוי ביטער שווער! ווען איך וואלט געוויסט וואס דאס מיינט, וואלט איך קיינמאל נישט מסכים געווען!"

האט דער רבי געענטפערט: "מיין טייער קינד, דו האסט א טעות. דעמאלטס האסטו נישט געוואוסט? יעצט ווייסטו נישט! ווען דו האסט אויסגעקליבן דיין חלק דארט אויבן, איז עס געווען מיט א אמת'ע הבנה וואס עס איז באמת גוט פאר דיר. היינט פילסטו נאר די שוועריגקייט, אבער דעמאלטס האסטו געזען די גאנצע בילד און דו האסט זיך אליין אויסגעקליבן דיין לעבנס-געשיכטע. דערפאר קען קיינער נישט האבן קיין טענות צום באשעפער פארוואס יענער איז שיין און ער איז מיאוס, אדער פארוואס יענער איז רייך און ער נישט, ווייל אלעס איז לויט דיין אייגענעם בחירה."

דער רבי האט אויסגעפירט: "דאנק דעם אייבערשטן אויף יעדן נסיון, ווייל דו האסט אליין געוואלט די דאזיגע שוועריגקייטן פאר דיין טובה. יעדע שוועריגקייט אויף דעם וועלט ברענגט אן אמת'ע טובה פארן אייביגן וועלט - ווייל ווער עס איז דער העכסטער אין זיין דור, וועט נאך תחיית המתים זיין דער קלענסטער, און דאס זעלבע איז מיט די עשירים און עניים, די שוואכע און די שטארקע, די שיינע און די מיאוס'ע, און אלע אזעלכע ענינים."

און ווען א מענטש חזר'ט זיך דאס איין און פלאקערט אריין די אמונה אין זיך, ווערט דאס לעבן א רואיג לעבן, פול מיט שמחה און צופרידנקייט.

**שבת שלום ומבורך, פינחס שאפער**

## השגחה עליונה

### סיפורי אמונה וביטחון מצדיקי הדורות זי"ע

### ר' יחזקאל לעווינשטיין - דער תענוג פון בטחון

ס'איז שוין פארביי א לאנגע צייט זינט דער באקאנטער ירושלימ'ער מגיד, רבי שלום שוואדראן, האט געזען דאס לעצטע מאל זיין גוטן פריינט, דער צדיק און משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין, אזוי פריילין און בשמחה. דעם משגיח'ס פנים האט געשיינט פון גליק, און ס'האט אויסגעזען ווי עפעס גאר פריילין האט פאסירט

"וואס מאכט דער משגיח?" האט רבי שלום געפרעגט מיט זיין באקאנטן ניגון "איך זע איר זענט זייער פריילין; אפשר זאגסטו מיר די סיבה צו די שמחה..."

קודם האט דער משגיח געשוויגן, אבער דערנאך האט ער דערציילט:

"אמאל, אין די יארן פארן קריג, האב איך געדינט אלס משגיח אין די בארימטע קלעצקער ישיבה, און נאכדעם האט מיר דער באשעפער מזכה געווען אנצופירן מיט די הייליגע ישיבה פאר עטליכע יאר. שפעטער בין איך אריבער לערנען אין די מירער ישיבה אלס א פשוט'ער כולל אינגערמאן.

דאס איז געווען גאר א שווערע תקופה. ווען איך בין געווען משגיח אין קלעצק, האב איך באקומען א שיין געהאלט קעגן וואס א כולל אינגערמאן באקומט; און יעצט, אלס א כולל אינגערמאן, איז די מצב נישט געווען פשוט. איך האב נישט געהאט קיין פרוטה צום נשמה... די גאנצע לאסט פון די צורכי הבית איז געלעגן אויף מיינע פלייצעס. איך האב געדארפט שפייזן די קינדער, און ס'זענען געווען טעג וואס דער מאנגל איז געווען אזוי גרויס אז איך האב נישט געוואוסט וואס מיר וועלן עסן מארגן.

אבער דורכאויס יענע צייט, האב איך באשלאסן מיט א שטארקייט זיך אינגאנצן צו ארייננווארפן אין די הענט פונעם אייבערשטן און זיך צו פארלאזן אויף אים מיט א גאנצע אמונה. און טאקע, טאג נאך טאג, האב איך געזען מיט מיינע אייגענע אויגן אפענע השגחה פרטית. אמאל פלעג איך באקומען א סכום געלט פונקט פופצן מינוט פאר איך האב געדארפט באצאלן א חוב. דער באשעפער האט אונז צוגעשטעלט עסן און וואס מיר האבן געדארפט, פונקט אין די ריכטיגע מינוט.

דאס איז געווען א דערהויבענע עפאכע וואס מ'קען נישט באשרייבן, א צייט צו וואס איך בענק זיך. טעג ווען איך האב געפילט אן אמת'ן 'תענוג פון בטחון', א טיפע געפיל אז איך בין נאר אין די הענט פונעם באשעפער, אונזער רחמנות'דיגער פאטער, וואס אויסער אים איז גארנישט דא. ס'איז אוממעגליך אראפצומאלן די זיסקייט און תענוג פון די דאזיגע ידיעה און געפיל.

דערנאך זענען געקומען אנדערע צייטן.

מ'האט מיר אויפגענומען אלס משגיח אין לאמזשע, מיר, און פאנעוועזש. די געהאלט איז אנגעקומען פונקטליך יעדן חודש.

<<<


דער גליון איז אויסצוגן פון 'קו השגחה פרטית' - טויזנטער מעשיות, פול מיט חיזוק.

ווילט איר האבן שלוות החיים? רופט אריין צו קו השגחה פרטית 1-518-613-0140

## נאכט נאך נאכט

**דערציילט הר"ר אברהם מאסקאוויטש שליט"א פון בני ברק:**

איין טאג איז א יונגערמאן צוגעקומען צו מיר, אויסגיסנדיג פאר מיר זיין הארץ, אז עס איז דא עפעס וואס ער שפירט אז ער מוז טון, אבער ער שעמט זיך שרעקליך עס צו טון למעשה.

איך האב אים געפרעגט: "וואס איז די נושא?"

האט ער מיר אנגעהויבן דערציילן א ווייטאגליכן פעקל וואס פלאגט אים שוין פאר הונדערטער נעכט.

פאראיאר איז ביי אים ברוך השם געבוירן געווארן זיין בכור, א געזונטער און לעכטיגער אינגעלע. במשכ'ן טאג איז אלעס געווען זייער פיין, אבער ביינאכט פלעגט ער אנהייבן שרייען און וויינען אן אויפהער. ער איז קוים געשלאפן, און די עלטערן האבן געמוזט זיך איינטיילן די נאכט צו זיין אויף מיט אים.

אנפאנג האט דער יונגערמאן געמיינט אז אלע בעיביס זענען אזוי, אבער ווען איין חודש איז פארביי און נאך א חודש, און די סיטואציע ווייזט בכלל נישט קיין צייכן פון זיך עפעס טוישן, האט ער פארשטאנען אז דא קומט פאר עפעס אומגעווענליך. זיין מאמע און שוויגער האבן געטענה'ט אז ביי דריי חדשים דארף א בעיבי שוין פארשטיין אז ס'איז נאכט, און אפילו אויב ער כאפט זיך אויף צו עסן, דארף ער גלייך צוריק איינשלאפן, און ס'איז נישטא קיין שום סיבה ער זאל זיין וואך אין די שעות. דער יונגערמאן האט פרובירט מסביר זיין פארן קינד וואס מ'האט אים געזאגט, אבער די בעיבי האט נישט מיטגעארבעט מיט די הסברים...

"מיר האבן פרובירט פארשידענע מעדיצינישע מעטאדן," האט דער יונגערמאן ווייטער דערציילט זיין געשיכטע. "מיר זענען געגאנגען צו א פראפעסאר, באזוכט א 'סליפ-לעב' (מעבדת שינה), פרובירט רעפלעקסאלאגיע און עמאציאנעלע טעראפיעס. כאטש וואס עס האט פאר א קורצע ווייל אויסגעזען ווי די בעיבי שלאפט שוין ענדליך אביסל מער, פלעגט ער צום סוף צוריק פאלן צו א' און ווייטער פארפירן שעות לאנג ביז פארטאגס."

"מיין לעבן איז געווארן איין גרויסער פארמאטערטער קאשמאר. איך בין נישט געשלאפן ביינאכט און נישט פונקציאנירט בייטאג. איך בין ארומגעגאנגען אין א נעפל פון מידקייט, און איך האב שוין אנגעהויבן מורא האבן אז פון אזויפיל מאנגל אין שלאף גיי איך פשוט צוזאמפאלן. דאס איז שוין גארנישט געווען קיין מליצה. מיין בכור'ס וויינערייען איז אריבער יעדן גרעניץ, און שמועסנדיג מיט אנדערע יונגעלייט האב איך פארשטאנען אז ס'קומט בכלל נישט אזוי צו זיין."

"איך האב מחליט געווען אז איך מוז טוישן ריכטונג און מאכן השתדלות פון אן אנדערן סארט. איך בין געגאנגען צו איינעם פון די צדיקי הדור בעטן א ברכה פאר א ישועה. דער צדיק האט מיר געהייסן זאגן צען קאפיטלעך תהילים יעדן טאג און בעטן דעם אויבערשטן אז די בעיבי זאל שוין קענען רואיג איינשלאפן, און ער האט מיר אנגעווינטשן אז מיר זאלן זען א ישועה."

"איך האב געטון פונקטליך ווי ער האט מיר געהייסן. יעדן טאג געזאגט צען קאפיטלעך און נאכדעם געבעטן מיין בקשה. נאך בערך צוויי וואכן, פונקט דעם טאג וואס איך האב געענדיגט גאנץ ספר תהילים, בין איך אריבער א ספרים-סטאר און איך האב געזען א ספר וואס האט מיר געכאפט דאס אויג."

איך האב געקויפט דעם ספר, און אינדערהיים האב איך עס געעפנט. פונקט האט זיך עס געעפנט ביי א בלאט וואס דערציילט א מעשה פון א יונגערמאן וואס זיין קינד האט נישט געהאלטן ביים איינשלאפן און געוויינט אסאך ביינאכט.

דאס איז געווען ממש א הימלישע זאך. פונקט דעם טאג וואס איך ענדיג תהילים, טרעף איך א מעשה איבער אט די טעמע וואס דריקט מיר אזוי שטארק.

איך האב ווייטער געלייענט. דארט שטייט וועגן א יונגערמאן וואס זיין בעיבי האט געוויינט גאנצע נעכט פאר דריי חדשים. ער איז געגאנגען צו א צדיק בעטן א ברכה. דער צדיק האט אים געפרעגט צי ער האט אפשר ווי געטון א צווייטן, און דער יונגערמאן האט זיך טאקע דערמאנט: זיין ישיבה איז געווען נאנט צו א באוואוינטן געגנט, און ווי דער שטייגער ביי בחורים, פלעגן זיי פון צייט צו צייט פראווען א סיום, א התחלה, אדער א ראש חודש סעודה. ביי אזא געלעגנהייט פלעגט דער יונגערמאן - וואס איז דעמאלטס געווען אן ענערגישער בחור - אנצינדן די מוזיק אויפן העכסטן וואליום, כדי יעדער זאל קענען טאנצן און שפרינגען מיט אלע כוחות און די גאנצע געשמאק.

דער פראבלעם איז אבער געווען אז עס האט געשטערט די שכנים. זיי האבן זיך באקלאגט אז די הויכע קולות לאזן נישט די קינדער איינשלאפן, און צומאל ווען ס'איז געווען נאך שפעטער האט עס אפילו געשטערט די ערוואקסענע אויך.

אבער דער בחור האט 'פארשטאנען' אז זיי טרייבן סתם איבער, פארוואס זאלן בחורים נישט מעגן זיין א ביסל פריילך? נע, דאס זענען סתם געספויעלטע קינדער, און מסתמא שלאפן די זעלבע קינדער איין אויף צוויי בענקלעך ביי חתונות ווען די מוזיק באמבעט...

ער האט ווייטער ממשיך געווען מיט זיין אוממענטשליכע

## המשך השגחה עליונה

כאטש וואס אויך דעמאלטס האב איך פארשטייט זיך געדענקט אז אלעס קומט פונעם באשעפער און אז אלעס איז א מתנה פונעם בורא וואס שפייזט יעדן, און איך האב געדענקט אז דאס אלעס זענען נאר זיינע שליחים, אבער דאך איז דער מצב נישט געווען קיין פארגלייך צו ווען איך בין געווען אין די מיר'ער כולל.

"אבער לעצטנס" האט ער ערקלערט "איז די ישיבה אריינגעפאלן אין א שווערע מצב. שוין א לאנגע צייט וואס די געהאלט קומט נישט אן אין צייט. לעצטנס אבער האב איך געמאכט א חשבון, און אויסגעפונען אז איך האב שוין נישט באקומען קיין געהאלט פאר אכט חדשים, און דאך, ברוך השם, פעלט מיר גארנישט!

נאכאמאל ווייס איך נישט וואס מיר וועלן עסן מארגן; איך קער זיך צוריק צו א תקופה פון פילן דעם אייבערשטנס האנט בחוש!

איז זאג דו מיר, מיין פריינט רבי שלום, וויאזוי קען איך נישט זיין בשמחה דערויף?!"...

אויפפירונג און געשטערט די מנוחה פון די שכנים.

יעצט, מדה כנגד מדה, שלאפט זיין אייגן קינד נישט איין ביינאכט.

דער יונגערמאן אין די מעשה האט פארשטאנען אז ער מוז איבערבעטן די שכנים, און טראץ דעם וואס עס איז אים נישט געווען באקוועם, איז ער ארומגעגאנגען פון שכן צו שכן און געבעטן מחילה, ביז זיי האבן אים מוחל געווען.

גלייך אויפן נאכט נאכדעם וואס ער האט זיי אלעמען איבערגעבעטן, איז געווען די סאמע ערשטע נאכט פון די נייע עפאכע, וואס די בעיבי איז דורכגעשלאפן א גאנצע נאכט אן קיין שטער.

די מעשה האט מיר שטארק גערירט און ערוועקט מיין זכרון. אויך איך האב געהאט צו טון מיט מאכן גערודער ביינאכט! אויך איך האב געשטערט א צווייטן און אים נישט געלאזט שלאפן! אוי ווי איז מיר וואס כ'האב זיך אליינס גורם געווען! יש דין ויש דיין!

איך בין געווען אן ענערגישער בחור מיט א געפיל פאר מוזיק. איך האב געהאט אן ארגאן ביי מיר אין צימער, און ביינאכט פלעג איך שפילן זייער הויך מיט קולות פון 'טענאר' און 'באס'.

דער שכן, אן עלטערער איד פון די שארית הפליטה, פלעגט אראפקומען און זיך איינבעטן איך זאל שטילער מאכן. "די 'באמבעס' וואס דו שפילסט דערמאנען מיר פון די דייטשן מיט זייערע שיסערייען," פלעגט ער זאגן.

איך האב עס שטילער געמאכט ווען ער האט געבעטן, אבער איך האב נישט געכאפט אויף ווי ווייט דאס גייט. איך האב נישט פארשטאנען אז איך שפיל זיך דא מיט פייער. א איד וואס איז אריבער די גיהנום ביים לעבן, און יעדעס מאל וואס איך שפיל, שלעפ איך אים צוריק אהין מיט געוואלד. איך האב נישט געכאפט וואספארא קאשמארן איך פאראורזאך אים, אז איך אטאקיר זיין זעל יעדעס מאל וואס איך שפיל צו הויך. איך פלעג שטילער מאכן, אבער נאכדעם פלעג איך עס צוריק העכער מאכן לויט מיין געשמאק. ער פלעגט זיך נאכאמאל באקלאגן, און איך פלעג עס נאכאמאל שטילער מאכן, אבער שפעטער פלעג איך עס צוריק העכער מאכן און שפילן מיט די גאנצע קנאק, וואס האט דעם שכן נאכאמאל און נאכאמאל דערשראקן, ביז ער האט שוין אויפגעגעבן פון עפעס אויפטון מיטן זיך באקלאגן.

דער יונגערמאן האט געענדיגט זיין ווידוי - דערציילט הרב מאסקאוויטש - "איך ווייס אז איך מוז אים איבערבעטן, אבער איך קען נישט."

איך האב געזאגט פארן יונגערמאן אז ער זאל פרובירן איבערצוקומען די בושה, ווייל זיין לעבן און דאס לעבן פון זיין קינד איז אנגעוואנדן אין דעם, אבער עס איז אים געווען זייער שווער. מיר האבן איניינעם דורכגעשמועסט וואס ער זאל זאגן און וויאזוי ער זאל עס ארויסגיין, און איך האב באשלאסן אז דעם קומענדיגן טאג וועל איך אים פרעגן אויב ער איז טאקע געגאנגען איבערבעטן.

דעם קומענדיגן טאג האט מיר דער יונגערמאן דערציילט אז ער האט נאך אלץ "געטראכט" דערפון.

און דעם טאג דערויף אויך. ער האט געהאט געניג צייט צו

<<<



### הגה"צ רבי בעריש שנעבאלג שליט"א

## דער שליסל צו הצלחה אויף די וועלט

דער באשעפער וויל פון אונז נאר איין זאך: צו לעבן מיטן באשעפער. ער וועט שוין מסדר זיין אלעס אנדערש. איר ווילט א באווייז? נו, די אידן זענען געווען אין מדבר פערציג יאר, און זייערע קליידער זענען נישט פארעלטערט געווען. זיי האבן נישט געדארפט טוישן שיך-סייזעס. און פארוואס פלעגט דאס עסן אראפקומען פריש יעדן טאג? ווייל דער באשעפער האט געוואלט אז זיי זאלן לעבן מיט אים, צו געדענקען אז אלעס איז לויט זיין ווילן.

דער באשעפער האט אלע מעגליכקייטן צו געבן מיליאנען פאר יעדן באשעפעניש. די סיבה פארוואס דאס פאסירט נישט איז ווייל מיר מוזן געדענקען זיך צו ווענדן צום אייבערשטן מיט די אמונה אז נאר ער איז אחראי אויפ'ן שליסל פון פרנסה.

דאס איז אויך דער ענטפער צו יעדע אנדערע שוועריגקייט אויפן וועלט. השי"ת איז דער בעל מלחמות - אריינגערעכנט א מענטש'נס מלחמות מיט זיין יצר הרע, וואס מ'מוז ארבעטן דערויף און זיך טוישן. דאס פאסירט נישט אין א מינוט, און אויך נישט אין איין טאג. מיר זענען געקומען אויף די וועלט צו ארבעטן אויף זיך און צו צוברעכן דעם יצר הרע. יעדן טאג אויף דאס ניי זענען דא נסיונות, און ס'איז א פראצעדור וואס מ'מוז אריבערגיין.

די עצה פאר אלעס - אריינגערעכנט עבודת המדות, איז צו לעבן מיט'ן אייבערשטן. ווען איר דאווענט כסדר - זענט איר אין קאנטאקט מיט'ן בורא. איר טראכט נישט פאר קיין רגע זיך צו קענען אליין אן עצה געבן, נאר בלויז מיט זיין הילף. ווען מ'געדענקט דעם אייבערשטן - איז מען זוכה צו סיעתא דשמיא. מ'זעט אפענע וואונדער.

ווען א מענטש לעבט מיט'ן אייבערשטן, ווייסט ער אז אלעס ווענדט זיך אין אים, און אז ס'איז נישטא גארנישט וואס ער קען אליין באווייזן. ס'איז נישטא קיין 'טשיק טשאק', אבער ס'איז דא איין זאך: דו זאלסט האבן א עול און אחריות, דו וועסט מאכן השתדלות, און דער רבונו של עולם וועט ברענגען די הצלחה און נצחון.

ס'איז טאקע אמת אז דער אויבערשטער פירט די מלחמות, אבער ער וויל אז דו זאלסט אויך טון פון דיינס און זיך אנשטרענגען. אויב מען לעבט שטענדיג מיט'ן באוואוסטזיין אז דער באשעפער וויל אז מען זאל זיך טוישן, וועט מען בסייעתא דשמיא האבן א גרויסע און שפע.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן טאקע זוכה זיין צו אן אמת'ע תשובה, צו זיין אמת'ע יראי שמים און זיין מקושר צום באשעפער יעדע רגע. מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה און צו אן אמת'ע שמחה, אז ס'זאל אונז גארנישט פעלן, מיר זאלן נישט דארפן צוקומען צו קיין שום נסיונות אדער קיין שום פלאנטערס, און השי"ת זאל העלפן אז מיר אלע זאלן האבן שפע, געזונט און נחת, און אלעס זאל זיך אויסארבעטן אויפ'ן בעסטן אופן.

טראכטן ביינאכט, ווייל זיין בעיבי האט אים דאך סייווי נישט געלאזט שלאפן... יעצט, ווען ער האט שוין פארשטאנען אז עס איז דא א לעזונג צום פראבלעם, זענען די בכיות געווארן אסאך מער מאנענדיג. ווי דאס קינד זאל וויינען צו אים "נו, גיי שוין איבערבעטן דעם שכן!"

איך האב געזאגט פארן יונגערמאן אז היות עס איז שוין אריבער א לאנגע צייט זינט ער האט געשטערט דעם שכן, וועט דער שכן זיכער רחמנות האבן אויף אים און אים מוחל זיין. איך האב אים צוגעשטופט און געמוטיגט ער זאל זיך אנגארטלען מיט קוראזש, ביז ענדליך האט ער געטון למעשה.

ער האט געהערט אז דער שכן איז אריבער אין א מושב זקנים, און ער האט זיך פארבינדן מיט זיין זון. נאכאמאל האט ער איבערגעקומען די שרעקליכע בושה און אים דערציילט די גאנצע מעשה. "איך בעט דיר, פרעג דיין טאטע בשמי אויב ער קען מיר מוחל זיין."

דער זון האט געזאגט אז עס איז נישט שטענדיג מעגליך צו רעדן רואיג מיט זיין טאטן, מען דארף אים כאפן אין א גוטע מינוט. דער יונגערמאן האט פארשטאנען אז דאס איז נישט אזא גרינגע ארבעט, און ער האט מתפלל געווען צום אייבערשטן אז ער זאל אים העלפן, אז דער זון זאל טאקע מצליח זיין אים איבערצובעטן, און דער שכן זאל אים מוחל זיין מיט א גאנץ הארץ.

דער באשעפער האט געהאלפן, און עטליכע טעג שפעטער האט דער שכן געהערט די מעשה פון זיין זון, און ער האט געענטפערט: "מחול לו, מחול לו, מחול לו."

באלד יענע נאכט האט זיך דערקענט א דראסטישע שינוי לטובה. די בעיבי איז איינגעשלאפן ביינאכט, זיין שלאפן איז געווארן לענגער, און ער האט ענדליך געלאזט די עלטערן זיך אביסל אפרוען. די מצב האט זיך פארבעסערט פון נאכט צו נאכט, ביז נאך צוויי וואכן איז די בעיבי שוין געשלאפן צוועלף שעה נאכאנאנד!

דער טאטע פונעם קינד איז געקומען צו מיר מיט גרויס שמחה מיר צו דערציילן די גוטע בשורה. ער איז מיר דאנקבאר געווען מיט גאנצן הארץ פארן נישט אויפגעבן אויף אים און פארן כסדר איבערפרעגן אויב ער האט שוין איבערגעבעטן דעם שכן. "א דאנק דיר האב איך זוכה געווען אריינצוכאפן אים איבערצובעטן ביי זיין לעבן," האט ער מיר געזאגט מיט גרויס התרגשות.

זינט דעמאלטס שלאפט דאס קינד גוט ביינאכט און איז אויסגערוט אינמיטן טאג. הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו.

## א שליחות אין לאס אנדזשעלעס

**הרב מאיר שלאמע פון ציריך דערציילט:**

שוין עטליכע יאר וואס איך בין פארנומען, אין די ראמען פון די ארגאניזאציע וואס איך פיר אן, מיט מקרב זיין אידן לאבינו שבשמים. ספעציעל ארבעט איך מיט יונגע בחורים און יונגעלייט. בחורים וואס האבן נישט באקומען קיין אידישע חינוך באקומען ביי אונז מושגים אין אידישקייט, און טייל פון זיי גייען ווייטער און ווייטער אין שמירת המצוות און פאנגען אפילו אן צו לערנען תורה.

ווי ביי יעדע ארגאניזאציע, פעלט זיך אויס געלט. כאטש עס איז נישט מיין נאטור ארומצוגיין נאך געלט, האב איך דאס מאל פארשטאנען אז עס איז נישטא קיין ברירה. איך האב געבעטן א ברכה ביי א צדיק, און דער רב האט מיר געזאגט: "פאר קיין לאס אנדזשעלעס און דו זאלסט מצליח זיין."

באגלייט מיט פילע תפילות בין איך געפארן. איך האב געוואוסט אז איך טו מיין השתדלות, אבער דער וואס עפנט טאקע די הערצער און ברענגט מיר די נדבות איז בלויז דער רבונו של עולם. אלס איינער וואס גלייבט אז אונזער גאנצע לעבן איז נישט מער ווי א שליחות אויף דער וועלט, איז אפילו די רייזע קיין לאס אנדזשעלעס גארנישט אנדערש ווי א שליחות. איך מיין אז איך פאר נאך געלט, אבער איך האב נישט קיין אנונג וואספארא נאך א שליחות שטעקט דא.

אין לאס אנדזשעלעס האב איך ברוך השם געטראפן גוטע אידן מיט א ברייט הארץ, און געזען א שטארקע הצלחה. איך בין געפארן אין א טעקסי מיט א לאקאלן דרייווער ווען איך האב באקומען א טעלעפאן רוף פון א חבר: "אויב דו ביסט שוין אין לאס אנדזשעלעס, זאלסטו גיין צו די שטוב פון א גוטן איד וואס וואוינט אין ווערבערלי הילס," האט מיין חבר מיר געזאגט. "ער איז אמאל געוואוינט אין ציריך און האט געגעבן זייער שיינע נדבות פאר מוסדות. עס לוינט זיך צו פרובירן." ער האט מיר געגעבן דעם אדרעס און טעלעפאן נומער, און איך האב אפגעשטעלט א מיטינג.

ווען איך בין אנגעקומען צום מיטינג, האט ער מיר געפרעגט: "וואס ברענגט דיר אהער?"

איך האב אים געענטפערט לויט מיין מהלך: "איך ווייס נישט באמת פאר וואס איך בין געקומען. איך פלאן צו בעטן א נדבה פאר אונזער מוסד, אבער איך ווייס נישט פארוואס דער אייבערשטער האט מיר געשיקט דווקא אהער. אדרבה, אפשר קענסטו מיר זאגן פארוואס איך בין באמת געקומען קיין לאס אנדזשעלעס."

"וואס איז די נאמען פון די ארגאניזאציע?" האט ער געפרעגט.

"'יד לנוער' אין ציריך," האב איך געענטפערט.

"א שטיק צייט האב איך געוואוינט אין ציריך," האט דער איד געענטפערט. "דאס איז געווען מיט אכט און דרייסיג יאר צוריק, און אויב דו ביסט דא אויף א שליחות, אפשר קענסטו מיר העלפן."

ער האט מיר דערציילט אז ער האט א חוב פון די צייט ווען ער האט געוואוינט אין ציריך. "אין יענע תקופה זענען מיר געפארן אויף וואקאציע קיין עסטרייך. אינעם דירה דערנעבן איז א חבר מיינער, מארק, געווען אויף וואקאציע מיט זיין משפחה. למעשה איז עס געווען א שותפות'דיגע וואקאציע: מיר האבן געדינגען דעם בנין אינאיינעם, מיר זענען ארומגעפארן אינאיינעם, און מיר האבן זיך אויך צעטיילט די הוצאות. נאך וואס די וואקאציע האט זיך געענדיגט און איך האב זיך שוין אריבערגעצויגן אהער קיין לאס אנדזשעלעס, האט מארק מיר גערופן און געזאגט אז מען האט אונז געגעבן א קנס פון דריי הונדערט פראנק. פארוואס? ווייל מיר האבן ארויסגעווארפן מיסט אין א פלאץ וואס עס איז דארט געשטאנען א ווארענונג 'נישט ווארפן דא קיין מיסט'.

איך בין געווען זייער בייז אויף די יעקישע עסטרייכער, וואס רעכענען זיך נישט מיט טוריסטן וואס קענען נישט די רעגולאציעס. איך האב גע'טענה'ט פאר מארק אז עס האט נישט קיין לאגיק, זייער געזעץ איז רשעות'דיג, און עס איז א עוולה צו פארלאנגען אזוי פיל געלט פאר אזא קליינע טעות. איך האב אויסגעפירט: 'איך גיי דאס נישט באצאלן'.

מארק, פון זיין זייט, איז געווען א מענטש וואס פאלגט די געזעץ, און ער האט גע'טענה'ט אז מען דארף יא באצאלן דעם

קנס. היות איך האב זיך אפגעזאגט פון צו איינטיילן מיט אים די קנס, האט מארק באצאלט די פולע סכום פון זיין אייגענעם טאש."

דער איד האט ווייטער געזאגט: "דורך די אלע יארן וואס זענען זינט דעמאלטס אריבער, דערמאן איך זיך פון צייט צו צייט אין די מעשה, און מיין געוויסן פלאגט מיר. כאטש מארק האט באשלאסן צו באצאלן וויסנדיג אז איך גיי אים נישט צוריקגעבן מיין חלק, און עס איז אמת אז אויב ער וואלט נישט באצאלט וואלט אונז קיינער נישט נאכגעלאפן פאר דעם קנס, אבער עס איז נישט געווען ריכטיג פון מיין זייט אזוי צו טון."

מיט עטליכע יאר צוריק האב איך מחליט געווען אז איך וויל באצאלן פאר מארק מיין חלק פונעם קנס. איך האב אים פרובירט אויפצוזוכן, אבער איך בין געוואויר געווארן אז ער איז ליידער נפטר געווארן פון א הארץ-אטאקע אין א גאנץ יונגן עלטער.

פאר דריי יאר צוריק האב איך אנגעקלינגען א נאנטן חבר פון מארק אין צירך, און אים געבעטן ער זאל מיר פארבינדן מיט די משפחה. ער האט מיר אבער געזאגט: "פארוואס זאלסטו באדערן די משפחה? עס איז דאך נישט קיין עכטע חוב, עס איז בלויז דיין געוויסן וואס פלאגט דיך, געב ענדערש די געלט פאר צדקה לעילוי נשמתו."

אבער דאס האט מיר נישט בארואיגט. איך האב נאך אלץ געוואלט הערן פון איינעם פון מארק'ס משפחה צי זיי ווילן איך זאל זיי געבן דאס געלט אדער עס ענדערש מנדב זיין פאר צדקה, און אויב יא, פאר וועלכע צוועק. "און יעצט אז דו ביסט דא," האט ער געזאגט, "וויל איך דיך בעטן דו זאלסט מיר פארבינדן מיט איינעם פון די משפחה. אגב, פאר וועלכע ארגאניזאציע טוסטו מנדב זיין?" האט ער ווידער געפרעגט.

איך האב נאכאמאל געזאגט: "'יד לנוער'."

"'יד לנוער'! דער נאמען פון דעם מוסד הערט זיך מיר באקאנט פון ערגעץ," האט ער אויסגערופן.

ער האט אנגעהויבן בלעטערן אין זיין טאג-בוך ביז ער האט עס ענדליך געפונען. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז יענער חבר פון מארק האט אים טאקע געראטן מיט דריי יאר צוריק ער זאל מנדב זיין פאר "יד לנוער" לעילוי נשמתו פון מארק.

פון יענע רגע האט זיך אלעס אנטוויקלט אויף א וואונדערבארן אופן. נאכדעם וואס איך האב דורכגערעדט די זאך מיט מארק'ס משפחה, האט דער איד מנדב געווען גאר א שיינע סומע פארן מוסד, און ער האט מיך געבעטן איך זאל ארויסגיין צו מארק'ס קבר און בעטן מחילה פאר אים. ווען איך בין צוריקגעפארן אהיים קיין ציריך, בין איך געגאנגען צום בית החיים - וואס געפינט זיך בלויז זעקס מינוט צו פארן פון מיין הויז - און איך האב טאקע געטון דאס וואס ער האט מיך געבעטן.

יעצט איז מיר שוין קלאר געווארן די גאנצע השגחה פרטית און די סיבה פון מיין נסיעה ביז קיין לאס אנדזשעלעס.

האט איר זוכה געווען צו זען א מעשה פון השגחה פרטית?
**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140 דריקט 3 און דערנאך 0**
**אדער שיקט אן אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

## בסוד ישרים ועדה

בריוון צו די מערכת

**צום חשוב'ן רעדאקציע פון גליון 'השגחה פרטית' שלום וברכה.**

איך האב געהאט די זכיה צו ליינען דעם גליון נומער 204, וואס איז ארויסגעקומען פרשת שופטים, און די ווערטער פון חיזוק דארט האבן אריינגעברענגט אין מיר א גייסט פון אמונה און בטחון.

ספעציעל איז מיר אריין טיף אין הארץ די רירנדיגע מעשה פון יענעם יונגערמאן וואס האט זוכה געווען צו א ישועה דורך דעם וואס ער האט זיך אונטערגענומען צו היטן זיין מויל ביים דאווענען און ביים לערנען. ס'איז אינספירירנד צו זען די גרויסע התעוררות וואס כאפט היינט-צוטאגס ארום דעם גאנצן ציבור, מיט'ן פארשטיין אז די צייט פון דאווענען איז הייליג און מ'טאר עס נישט פארשוועכן מיט פשוט'ע שמועסן.

נישט וויניגער פון דעם, בין איך שטארק נתעורר געווען פונעם צווייטן נקודה פון די מעשה - אז דאס אנערקענען אז דער שופט אין געריכט איז גארנישט, און אז דער אמת'ער פסק ווערט אפגעמאכט אינעם 'בית דין של מעלה' לויט אונזערע תשובה און תיקון מעשים, דאס איז געווען וואס האט אים געעפנט די טויערן. דאס איז, אין קורצן, דער יסוד פון אמונה - צו וויסן אז אלע אונזערע פאסירונגען און איבערלעבענישן ווערן געפירט בלויז דורך אים, יתברך שמו, און דער אמת'ער משפט קומט נישט פאר דורך א בשר ודם נאר ווערט געפירט בלויז פון אויבן.

איך גלייב אז די דאזיגע חיזוק-ווערטער ווילן מיר באגלייטן און מיר שטענדיג דערמאנענען אז מיר מוזן זיך בלויז שטארקן אין עבודת השם, און ישועות וועלן אויטאמאטיש קומען.

זאל אייער כח זיין שטארק ווייטער צו פארשפרייטן די דאזיגע זיסע ווערטער.

**בברכת התורה,**
**דוד צבי סגל, אלעד**

## דִי בֶּעקִיטְשֶׁע בַּיים טִיר

**אַהֲרֶ'עלֶע פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ דֶערְצֵיילְט:**

אִיר זֶענְט אַלֶע זִיכֶער בַּאקַאנְט מִיט דִי שַׁבָּת- כַּאלֶעטְלֶעךְ פַּאר אִינְגְלֶעךְ. עֶס אִיז זֵייעֶר אַנְגֶענֶעם עֶס צוּ טְרָאגְן אוּן הֶעלְפְט אוֹיךְ זֵייעֶר זִיךְ צוּ הַאלְטְן רֵיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת. אָפִּיצִיעֶל יוֹם טוֹב צַייט, וֶוען מֶען זִיצְט אַרוּם דֶעם טִישׁ אַזוֹי פִיל מָאל שַׁבָּת'דִיג גֶעקְלֵיידֶעט.



עֶרֶב יוֹם טוֹב הָאט מַיין מַאמֶע בַּאשְׁטִימְט אַז אִיךְ דַארְף אַ נַייעֶ שַׁבָּת-כַּאלַאט. דִי אַלְטֶע אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶענִיצְט אוּן קְלֵיין. אָבֶער אַזוֹי וִוי דִי גֶעשֶׁעפְט אִיז וַוייט פוּן אוּנְזֶער הוֹיז אוּן מִיר הָאבְּן גֶעווּאוּסְט אַז עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ הִיבְּשׁ שְׁטִיק צַייט צוּ צוּפָארְן קוֹיפְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען, הָאבְּן מִיר גֶעפְּלַאנְט ארויסצוגיין... אִין דִי פַארְנַאכְט שָׁעָה'ן.

פַּארְמִיטָאג אִיז אַרִיבֶּער אוּן אוֹיךְ מִיטָאג. נָאכְמִיטָאג, הַארְט פַּארְן אַרוֹיסְגֵיין, קְלַאפְּט מֶען אִין טִיר. בַּיים טִיר אִיז אַ שְׁכֵנָה, זִי הַאלְט אַ נַייעֶ כַּאלֶעטְל אִין הַאנְט, אוּן פְרֶעגְט מַיין מַאמֶע'ן, "וָואס זָאגְסְטוּ? אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט דָאס כַּאלֶעטְל פַּאר מַיין מוֹישִׁי, אָבֶער דִי מָאס אִיז נִישְׁט פַּאסִיג. אֶפְשָׁר אִיז עֶס פַּאסִיג פַּאר אַהֲרֶ'עלֶע?"

אִיךְ הָאבּ עֶס אָנְגֶעמָאסְטְן אוּן עֶס אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיף מִיר פּוּנְקְט! פּוּנְקְט דִי מָאס הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט! עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַפָּאר מִינוּט אֵיידֶער מִיר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן הוֹיז, אוּן אוּנְז פַארְשְׁפָּארְט אַן אוּמְזִיסְטֶע לַאנְגֶע וֶועג, אוּן אִיבְּרִיגֶע מַאטֶערְנִישׁ.

## אִין זֶעקְל אוֹיפְן בָּאס

**אַהֲרֹן פוּן יְרוּשָׁלַיִם דֶערְצֵיילְט:**

מַיין גְרוֹיסֶער בְּרוּדֶער בִּינְדְט אַיין זֵייעֶר שֵׁיין סְפָרִים. אֵיין טָאג הָאט אַ חַבֵר אָפְּגֶערֶעדְט מִיט אִים אַז עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען צְוֵויי גְמָרוֹת עֶר זָאל זֵיי בִּינְדְן אַזוֹי אַז עֶס זָאל זִיךְ הַאלְטְן גוּט אוּן גַאנְץ.

יֶענֶער חַבֵר הָאט גֶעדַארְפְט נֶעמֶען דִי בָּאס בִּיז אוּנְזֶער הוֹיז אוּן אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר בְּטָעוּת אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי סְפָרִים אוֹיפְן זִיץ אוּן אַרָאפּ. וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶר אִיז אִין גַאס מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט אִיז שׁוֹין דֶער בָּאס נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי דִי סְטַאנְצְיֶע. אוֹיף מָארְגְן אִין חֵדֶר הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט זַיינֶע חֲבֵרִים אִיבֶּערְן פַארְלוּסְט. "צְוֵויי גְמָרוֹת הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסְן אוֹיפְן בָּאס. רֵיין! נַיי! פַּארְפַּאקְט אִין אַ וַוייס גָאלְדֶענֶע זֶעקְל."

מִיטָאג צַייט אִיז אַ חַבֵר גֶעפָארְן אוֹיפְ'ן בָּאס אוּן פְּלוּצְלוּנְג כַאפְּט זַיין אוֹיג אוֹיף אַ וַוייס גָאלְדֶענֶע זֶעקְל. עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אִינֶעם שִׁילְדֶערוּנְג פוּן זַיין חַבֵר אִינְדֶערְפְרִי. עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט דָאס זֶעקְל אוּן גֶעטְרָאפְן... צְוֵויי גְמָרוֹת.



'עֶס דַארְף דָאךְ אָנְקוּמֶען צוּ מַיין חַבֵר'ס הוֹיז עֶר זָאל עֶס בִּינְדְן,' הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט. 'אִיךְ וֵוייס אֲפִילוּ צוּ וֶועמֶען עֶס דַארְף אָנְקוּמֶען אוּן פּוּנְקְט צוּ יֶענֶעם גֶעגֶענְט פָאר אִיךְ יֶעצְט.'

אַזוֹי זֶענֶען דִי גְמָרוֹת אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מַיין בְּרוּדֶער אוּן פַארְשְׁפָּארְט מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס וִוילְן אוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פִיל צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

## דִי אַיינְלַאדֶענוּנְג

**יִשְׂרָאֵל מְנַחֵם לֵייפֶער פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ דֶערְצֵיילְט:**

מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אָפְּצוּשִׁיקְן עֶפֶּעס צוּ אַ פַאמִילְיֶע וָואס וואוֹינְט אַבִּיסְל וַוייט פוּן אוּנְז, אוֹיף ר' יְהוֹשֻׁעַ גַאס. אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען מִיט מַיין בְּרוּדֶער אוּן אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק הָאבְּן מִיר בַּאשְׁטִימְט אַז אֵייגְנְטְלִיךְ דַארְף זַיין אַ דוּרְכְגַאנְג וָואס קֶען פַארְקִירְצְן אוּנְזֶער וֶועג. "לָאמִיר גֵיין פוּן דָארְט," הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁטִימְט אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁפַּאנֶען צוּם רִיכְטוּנְג.

"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ," הָאט מַיין בְּרוּדֶער גֶעמָאלְדְן. "קוּק וָואסְפַארַא שִׁיפֶּע בַּארְג מִיר וֶועלְן יֶעצְט דַארְפְן אַרוֹיפְגֵיין נָאר צוּלִיבּ צוּ פַארְקִירְצְן דִי וֶועג."



אִיךְ הָאבּ צוּגֶעשְׁטִימְט. דֶער דוּרְכְגַאנְג אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע. סְ'אִיז בֶּעסֶער צוּ גֵיין אַבִּיסְל לֶענְגֶער אוּן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְמוּטְשֶׁען.

אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג פוּן לַאנְגְן וֶועג טְרֶעפְן מִיר אָן אַ בַּאקַאנְטֶער אִינְגְל וָואס שְׁטֵייט נָאנְט צוּ זַיין בַּר מִצְוָה "אָה! אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט אַז אִיךְ טְרֶעף עֶנְק!" הָאט עֶר אוּנְז אוֹיפְגֶענוּמֶען אִיבֶּערַאשְׁט. "אַזַא הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית!" הָאט עֶר אוּנְז בַּאוואוּנְדֶערְט. "פּוּנְקְט טֵייל אִיךְ יֶעצְט אַיינְלַאדוּנְגֶען צוּ מַיין בַּר מִצְוָה אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן עֶנְקֶער פָּאסְט קֶעסְטְל. דָא הָאט אִיר דִי הַזְמָנָה אוּן זַייט וִויסְן אַז אִיר זֶענְט פְּרִיוַואט גֶעלַאדְנְט צוּ מַיין שִׂמְחָה."

דֶער אִינְגְל אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ פוּן דִי הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית אוּנְז פּוּנְקְט אָנְצוּטְרֶעפְן. עֶר וֵוייסְט נִיטְאַמָאל וָואסְפַארַא דָאפְּלְטֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית הָאט זִיךְ דָא אָפְּגֶעשְׁפִּילְט. מִיר הָאבְּן דָאךְ שׁוֹין אָנְגֶעפַאנְגֶען גֵיין אַ צְוֵוייטְן וֶועג אוּן זִיךְ צוּרִיקְגֶעדְרֵייט נָאר כְּדֵי עֶר זָאל אוּנְז אָנְטְרֶעפְן.

**טֵייעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרֵיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** דְרִיקְט 0/4 אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.

אוּן נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**הודעות ווינקל**

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער!

גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען הֶערְן,

**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140 דְרִיקְט 0/2**

# אִין דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט

פרק 3 פון 4

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:
ר׳ יָאסְל, דֶער עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער פוּן ר׳ מֵאִיר שְׁלָאמָאווִיטְש, קוּמְט אִיבֶּערְנֶעמֶען דֶעם אוֹיפְזִיכְט אוֹיף דִי אַרַאבִּישֶׁע טְרֶעגֶער, כְּדֵי ר׳ מֵאִיר זָאל קֶענֶען גֵיין צוּ זַיין טֶעגְלִיכְן שִׁיעוּר. נָאךְ זֵייעֶר אַרוֹיסְגֵיין דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ עֶפֶּעס וִויכְטִיג...



**א גוט יאר. צום ערשט, וואו פארשפרייט איר די גליון?**

איך פארשפרייט די גליון אין מיין געגנט. אסאך מאל אין בית המדרש.

**אין וועלכע געגנט?**

איך וואוין אין מאנסי. איך לייג עס יעדע מאל אין אן אנדערע בית המדרש.

**וואס האט אייך געמאכט ווען פארשפרייטן דעם גליון?**

איך וואלט בעיקר געזאגט, אז איך טראכט אז ממש א שאד ס'איז דא אין כלל ישראל יונגעלייט וואס האבן זיך נישט גענוג אנגעהערט פון די ענינים פון השגחה פרטית אלס קינד. ס'איז א מורא'דיגע תועלת, ווען די קינדער זענען נאך יונג, און דער טאטע קומט אהיים שבת ביי די סעודה, פארציילט א מעשה פון השגחה פרטית, ווי מ'האט געזען די יד השם. דעמאלטס איז די עיקר צייט וואס עס גייט אריין אין די קינדער, די קינדער זענען נאך תמימות'דיג, זענען זיי דעמאלטס קונה, און עס טוישט זייער גאנצע לעבן.

**א מורא'דיגן קוק-ווינקל!**

**ווי האט איר דאס ערשטע מאל טאקע באגעגנט דעם גליון?**

נאך מיין חתונה, האט מיר מיין שווער דערציילט, אז עס איז דא א קו השגחה פרטית, האב איך עס אנגעפאנגען צו הערן. ווען מ'האט אנגעהויבן צו מפרסם זיין די גליון, האט מען מיר גערופן פרעגן, צי איך וויל עס פארשפרייטן.

**איר האט פונקט געהאט עפעס א מעשה פון השגחה פרטית, וואס האט מיט די גליון?**

מיטן פארשפרייטן די גליון האב איך נישט ממש יעצט אין קאפ, אבער ס'איז זיכער אז דורך דעם וואס מ'ליינט און מ'הערט אסאך פון השגחה פרטית, פאנגט מען אן צו באמערקן מעשיות די גאנצע צייט. יעדער איד בעצם האט מעשיות, מ'דארף נאר צולייגן קאפ.

גראדע האב איך ממש היינט געהאט א מעשה, ס'איז אפשר נישט קיין מורא'דיגע מעשה, אבער ווען מ'לייגט צו קאפ, כאפט מען אז אזעלכע מעשיות איז דא צענדליגער יעדן איינציגסטן טאג.

איך בין זייער מקפיד צו יעדן טאג צו זיין אין כולל אין צייט פון סדר מיט מיין חברותא, איך וויל נישט לאזן מיין חברותא הענגען. היינט האב איך געהאט א שטיקל אונס, איך האב געוואוסט פאריגע וואך אז איך וועל האבן א שטיקל אונס, איך וועל נישט קענען זיין געהעריג אין צייט אין כולל. און פונקט נעכטן קומט צו מיין חברותא אז היינט קען ער אויך נישט זיין געהעריג אין כולל. האט דער אייבערשטער צוגעפירט אזביידע זאכן זאלן זיין אין איין טאג, מיר זאלן נישט דארפן זיך שטערן צוויי טעג פאר דעם.

**איך שטעל זיך אבער פאר אז כדי צו פארשטיין די חשיבות דערפון דארף מען קענען דיר און דיין חברותא צו פארשטיין אז מ'פעלט נישט יעדן טאג סתם...**

**וואס האט איר צו איבערגעבן פאר אנדערע אידן וואס טראכטן צו זיי זאלן עס אויך וועלן פארשפרייטן אדער נישט?**

ס'איז קלאר אז די ערשטע זאך וואס איז מיר ארויף אויפ'ן געדאנק בשעת איך האב פארשפרייט די גליון, איז פשוט געווען אז איך זעלבסט זאל באקומען א גליון פון השגחה פרטית, איך זאל זיך פשוט אליין קענען מחזק זיין. נישט אלעמאל איז דא א איד אין די געגנט וואס פארשפרייט די גליון, איז כאטש פאר דיר אליין האסטו א גליון יעדע וואך, וואס איז מחזק אין השגחה פרטית.

די צווייטע זאך איז, וואס מ'טוט פאר אנדערע אידן. ס'איז פשוט אז מ'כאפט נישט ווי ווייט ס'קען גיין. מ'פארשפרייט די גליון אין א בית המדרש, און ס'איז דא א איד וואס ליינט עס, און יענער איד פארציילט עס פאר זיין חבר, און נאך אפאר אידן פארציילן עס ביי די סעודות אדער מלוה מלכה מעשיות פון השגחה פרטית, און ס'גייט אריין אין די קינדער, און זיי וואקסן אויף מיט דעם, און שפעטער טרעפן זיי שוין אליין השגחה פרטית, זיי וואקסן אויף מיט'ן אייבערשטן. ס'איז אן אנדערע לעבן, איינער וואס לעבט מיט בטחון און איינער וואס לעבט אן בטחון. ס'איז נישט סתם די צען גליונות וואס מ'פארשפרייט, ס'גייט ווייטער און ווייטער.

ס'איז נישט נאר די גליון, ס'איז די השקפה!

**אויב האט איר סיי וועלכע הערות**

לאזט איבער א הודעה: 1-518-613-0140 דריקט 9/9 אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת
hashgachaprutis@gmail.com

לא איך קענט ווערן א משפיע!

מיט אייער השתתפות
פון $36 א חודש פאר'ן גליון
"השגחה פרטית"
וואס פארשפרייט
אמונה אויף אלע עקן וועלט.

↓

דער "משפיע" באקומט
צו זיך אינדערהיים
10 השגחה-פרטית
גליונות צו קענען
פארשפרייטן אמונה
צווישן אידן!

א באזונדערע שליח
וועט בעז"ה ארויפגיין
צום ציון פון
בעל
"חובות
הלבבות"
אין צפת,
און מתפלל זיין פאר אייך.

רבי שלומק'ה זוועהילער
האט געזאגט:
"אז מען טוט אין השגחה פרטית
זעט מען השגחה פרטית"

רופט יעצט און הייבט אן
משפיע זיין אמונה און בטחון
פאר אידישע קינדער!

רופט: 585-308-3293

בהמלצת רבנים קען מען צאלן מיט מעות מעשר

דאס האט נישט חשש שמות לגניזה מען דארף נזהר זיין בקדושת הגליון עס זאל נישט צוקומען צו קיין בזיון אזוי ווי מען איז זיך נוהג מיט תשמישי קדושה